אויסערגעוועגליכע סיים-סעסיע ווערט ניט צונויפגערופן

№ 85 | Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem | פרייז 20 גראשען | Lodzer Tageblat

# לאדזער טאגעבלאט

היינט 6 זייטען

רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פּיעטריקאווער 16. טעלעפאנען פון: רעדאקציע 10057, פון אדמיניסטראציע 10047.

מיטוואך, פ' צו י"א ניסן תר"צ | 9 kwietnia 1930 r. | 23-טער יאהרגאנג


## נ"ע מרים אשת ר' משה נ"י איגער

פון זגערזש געבוירענע רובינשטיין

איז נאך לאנגע און שווערע ליידען געשטארבען דעם 8 אפריל ה. י.

די לויה קומט פאר היינט מיטוואך, י"א ניסן תר"צ 12.30 א זייגער נאכמיט. פון טהרה-הויז. וועגען עס מיילט מיט פערוואנדטע און בעקאנטע איז גרוים צער

די הינטערבליבענע פאמיליע.


דער אינהאבער פון דער שאקאלאד פאבריק „פראגרעס", בעמערקונג: אלעס אייגענע אויסארבייטונג.

קאנסטאנטינער 14, טיילט מיט, אז פאר דער בעקוועמליכקייט פון דער ג' קונדשאפט, איז ערעפענט געווארען א פיליע אין לאדז. ■ די פיליע איז שטענדיג פערזעהן אין א גרויסען אויס-

אויך ווסכאדניא 52 וואהל מיט פערשידענע צוקערווארג, שאקאלאד, מארמאלאד, באמבאניערעס אלעס כשר לחג הפסח אפילו למהדרין

מיט אכטונג „פראגרעס" לאדז, 11-טער ליסטאפאד 14.

כשר לפסח די אין לאדז בעוואוסטע יודישע שאקאלאד-פאבריק ZŁOTY RAJ

מאכט בעקאנט דער ג' קונדשאפט דאס צו דעם בעפארשטעהענדען פסח איז פערזעהען מיט א רייכען אויסוואהל פון פערשידענע שאקאלאד און קארמעלען כשר לפסח אפילו למהדרין מן המהדרין. פערקויפס-שטעלע: ווסכאדניא 50, זאוואדזקא 11, צעגעלניאנא 26.

בעמ. דאס אלעס ווערט געארבייט בהכשר גמור אונטער דער השגחה פון אנשים כשרים ונאמנים כדי אויסצומיידן א געדראנג ווערט די ג' קונדשאפט געבעטן זיך בעצייטענס צו פערזען מיט סחורה

Dr. L. Suchowczycki
כירורג
נעמט אן קראנקע פון 8 ביז 6 פון 3 ביז 2 פון צוועלף
Pl. Dąbrowskiego 2, tel. 123-47

Dr. med. Adam Bender
נארוטאוויטשא 30 טעל. 41-75
נאר....
ספעצ. פאר אינערליכע און האריז-קראנקהייטען

## אכטונג לאדז!

### די ארץ-ישראל'דיגע ווײנען און קאניאקען „כרמל-אריגינאל"

אונזער שוץ-מארקע

זענען אין לאדז שוין צו בעקומען איז פאלגענדע געשעפטען:

| | |
|---|---|
| 1) נ. ל. שיינביין, נאוואמיעסקא 27. | 13) ש. קארא, פיאטרקאווסקא 23. |
| 2) מ. פעליקס, פיעטריקאווסקא 20. | 14) קראיעווסקי, זיעלאנא 33. |
| 3) ס. גוטער, פולנאצנא 6. | 15) בלומענפעלד, 11 ליסטאפאדא 40. |
| 4) מ, פאגעלמאן, צעגעלניאנא 42. | 16) ב. יאראצינסקי, זגיערסקא 30. |
| 5) י. בעלכאטאווסקי, נארוטאוויטשא 31. | 17) א. לייזעראוויטש, 11 ליסטאפאדא 17. |
| 6) ח. ז. גאלדבערג, פולנאצנא 14. | 18) א. סאבציאק, 6 שיערפניא 43. |
| 7) גרינשפאן און קלאטשינסקי, צעגעלניאזא 36 | 19) נעבר. שיקער, פולנאצנא 1. |
| 8) ח. פ. רובינשטיין, פאלודניאוואַ 32. | 20) נ. רוססאק, לימאנאווסקי 28. |
| 9) מ. ליפסקער צעגעלניפנא 41. | 21) מ. אלטער, פאלודניאווא 5. |
| 10) ס. ראזענבלום נארוטאוויטשא 9. | 22) ה! ליבערמאן, פודנאצנא 10. |
| 11) י. מ. גאטער, נאוואמיעסקא 19. | 23) מ. ליפסקי, צעגעלניאנא 41. |
| 12) וול. סאבציאק, זגיערסקא 51. | 24) ח. מ. בריסטאווסקי בזשעזינסקא 9. |

## כשר לחג הפסח

### די שאקאלאדען- און צוקערווארען-פאבריק „ARKADIA" אגראדאווא — 13 —

מאכט בעקאנט דער ג' קונדשאפט, דאס איהרע שאקאלאדען- און צוקערווארען-אויסארבייטונגען פון בעריהמטען קוואליטעט אין א גרויסען אויסוואהל כשר לפסח בהכשר של הרב מיאנאוו בעקומט מען

אגראדאווא 13, פיעטריקאווער 35, פיעטריקאווער 121 און נארוטאוויטשא 9.

## כשר לחג הפסח.

דערמיט בעשטעטיג איך, דאס די פלאנצען-פּוטער פון דער פירמע

אקצ. געז. שיכט

### „צערעס" „ראדיאל" און „ריטא" איז שטרענג כשר לחג הפסח

די גאנצע צוזאמענשטעלונג פון די פלאנצען-פוטער שטעהט שטענדיג אונטער מיין השגחה פון אנהויב פון דער ארבייט ביז דער פערפאקונג דורך ערליכע און פרומע נאמנים בני-תורה ויר"ש. דעריבער קען יעדער, אפילו דער פרומסטער יוד דאס שפייז-פעטס ווי צו פליישיגע און צו מילכיגע מאכלים מיט א רוהיג געוויסען געברויכען, אויב עסגעפינט זיך נאר איין חתימה „כשר לחג הפסח".

שמחה פרענקיל תאומים
אבד"ק סקאוזין והגליל, חופ"ק פאדגורזע יע"א.

שמחה פרענקיל תאומים אבד"ק סקאחין חופ"ק פאדגורזע יע"א


היינט מיטוואך, י"א ניסן 1 א זייגער נמ. צו דער ערשטער יאהרצייט נאך אונזער אונפערגעסליכען מאן און הייסגעליבטען פאטער

## נ"ע אליעזר ב"ר אברהם ז"ל ליוושיץ

ועט געשטעלט ווערען א מצבה און געמאכט ווערען א הזכרה, צו וואס אלע קרובים, פריינד און בעקאנטע ווערען געבעטען קומען

די טרויערנדע הינטערבליבענע


## שטר מכירת חמץ

זאכאדניא 49

ביי הר"ר יהושע פרידענזאהן בהר"ר שמעלקי ז"ל מורה הוראה דפה.

Dr. med. H. Różaner

ספעציאליסט פון הויט- און וועגערישע קראנקהייטען און קינדערלאזיגקייט

נארוטאוויטשא 9, טעל. 128-98

נעהמט אן פון 8—10; 5—8 אווענד

א ספעציעלער ווארטע-זאל פאר פרויען.

לעזט, אבאנירט דאס „לאדזער טאגעבלאט"

## בשורה טובה פאר לאדז און אומגעגענד

צו דער בעקוועמליכקייט פון פובליקום פון לאדז און אומגעגענד מאך איך בעקאנט, דאס אין מיין לאנגיעריגען ווײן-געשעפט איז די הויפט-פערקויפס-שטעלע פון די בעוואוסטע פירמען פון

ווײן ח. שולדענריין, פראנצישקאנער 11 צו די זעלבע פרייזען, ווי ביי שולדענריין אין ווארשא ווי אויך פון דער בעוואוסטע פירמע — א. נ. ליבערמאן, ווארשא, פראנצישקאנער 19, אויך צו די זעלבע פרייזען ווי ביי ליבערמאן אין ווארשא. אויך בעקומט מען ביי מיר אלע סארטען ליקערען, קאניאקען, שפריט און כרמל-ווײן כשר לפסח.

מיט אכטונג גוטמאן לאדז פל. וואלנאשטשי 11 טעלעפאן 158.20

בעמערקונג: דער ווײן 33-ער, 65-ער און 88-ער ווערן געפעלשט אין לאדז. ביטע אכטונג צו געבען אויפ'ן זיגעל און עטיקעט

ב"ה

די יאטקע פון יודעל פרידמאן, צעגעלניאנא 12 שטעהט פון היינט אן אונטער דער השגחה פון ראבינאט און ועד הכשרות ביי דער יודישער קהלה אין לאדז.

ועד הרבנים עם ועד הכשרות לודז.
ג' צו תר"צ.

## די עופות-שחט-הייזער

אויף זאכאדניא 56 (ווילקער שוהל) און קאמיעננא 2, וואס געפינען זיך תחת השגחת הראבינאט

זענען געעפענט

און מ'שעכט עופות פון 7 פריה אן.

# לאָדזשער טאַגעבלאַט

באַ' [illegible] פון 6 ביז 7 אין [illegible]

[illegible] בעשטעלטע מאַנוסקריפטען ווערען נישט צוריקגעשיקט

„Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16 Skrz. poczt. 16 :אדרעס

טעלעפאָנען: רעדאַקציע 10057. אדמיניסטראַציע 100.47


# עס שמעקט מיט וואַהל-קאַמפּאַניע

דער סיי איז נאָך נישט פֿונאַנדערגע־לאָזט און אין דער לופֿט שמעקט שוין מיט וואַהל־פּוגלווער. די פּאָליטישע פּאַר־טייען האָבען זיך שוין אויף אַן אמת פֿערקאַטשעט די אַרבל און זיך איינגע־שפּאַנט אין דער וואַהל־מאַשין, מיט אַלע איהרע אמת'דיגע טענות מענות און דע־מאַגאָגישע שפּיצלעך. דער „צענטראַלעוו" איז קודם כל אַרויסגעפֿאָהרען מיט דעם געשריי: דיקטאַטור, עליך פּוילען! א יחיד האָט פֿערכאַפּט די מאַכט און גע־וועלטיגט איבער'ן לאַנד ביד רמה לויט זיין איינזעהן און ווילען, און רעדיבער מוזען די פֿאָלקס־מאַסען שטעהן אויף [...]

[...] סאַנאַציע פֿאַר דער „איינרעדעניש", וואָס מען מאַכט איהם, אַז ער איז פֿאַר אַ דיקטאַטור. דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז מען האַלט שוין נאָהנט פֿון וואַהלען, ווארום יז איצט האָבען זיך אין יענעם אָרגאַן געהערט גאַנץ אַנדערע דיבורים.

איצט דאַרף מען קומען צום פֿאָלק, מען מוז האָבען זיין שטים, און דאָס פֿאָלק וויל נישט קיין דיקטאַטור, דאָס פֿאָלק האָט נאָך נישט פֿערלוירען דעם צו־טרוי צו זיך אַליין, און צו זיינע מלוכה'־שע איינריכטונגען. [...]

[...] יעדער אויף זיין שטייגער, יעדער לויט זיין געניכט, עס שמעקט מיט וואַהל־קאַמ־פּאַניע.

—פּס.

# נחת פֿון קינדער...

## אַ סענסאַציאָנעלע שמד געשיכטע אין ווילנאַ

אַן'אויסטערלישע שמד־געשיכטע האָט פּאַסירט די טעג אין ווילנאַ, אין דער אַנ־שטענדיג־בעל־הבית'ישער יודישער משפּחה וו—סקי, אויף ווילנער גאַס. וו—סקי איז אַ יוד אַ סוחר און האָט געהאַט אַ סך צרות פֿון זיינע קינדער. זיין עלטערע טאָכטער איז בעת דער מלחמה אַוועק קיין אָדעס, וואו זי איז אַרונ־טערגעפֿאַלען אונטער אַ טראַמוואַי און דערהרג'עט געוואָרען; אַ זוהן האָט עמי־גרירט קיין אַמעריקאַ, זיך דאָרט אַרויפֿ־געאַרבייט, ער איז אָבער צוליב'ן בראַנ־ [...]

[...] דער בריף האָט אויפֿ'ן פֿרומען פֿאָטער געמאַכט אַ שווערען רושם. דער פֿאָטער האָט פֿון גרויס עגמת־נפֿש בעקומען אַ שווערען גערוועזן־אַטאַק.

וואו דאָס מיידעל איז אַנטלאָפֿען, איז אומבעקאַנט.

# מערקווירדיגע יודישע פֿאַמיליע, וואָס האָט אַרויסגעגעבען די בעריהמטסטע העלדען פֿון עסטרייך

(אַ בריוו פֿון וויען, ספּעציעל פֿאַר'ן „לאָדזשער טאַגעבלאַט") — פֿון מ. א. טענענבלאַט

די גוט־יודישע פֿאַמיליע פֿונ'ם איינ־ציגען יודישען מאַריאַ־טערעזיען־ריטער, גענעראַל מאַיאָר אַלעקסאַנדער פֿאָן אייס, איז בעשטאַנען פֿון לויטער העלדי־שע פּאַטריאָטען. גאָר ווענינע פֿאַמיליעס פֿון דער גאַנצער עסטרייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט אַזעלכע בעריהמטע העלדען־טאַטען [...]

[...] ווילנער יודישער אָרגאַניזאַציע איז דאָס געווען אַ גרויסער מוסר־השכל.

פֿאַקטיש האָבען די עטליכע געצעהל־טע יודישע פֿאַמיליעס פֿון אַזאַ הויכען אַמטליכען און געזעלשאַפֿטליכען שטאַנד נאָר אויסגעהאַלטען דאָס יודישקייט. אויסגעשמד'ט זיך, אָדער פֿערשוואונ־ [...]

[...] אונטער פֿעלדמאַרשאַל ראַדעצקי'ס קאָ־מאַנדע אין דער גרויסער שלאַכט געגען איטאַליען. ערשט זעקס יאָהר שפּעטער בעקומט ער דעם שאַרזש פֿון אַ לייטע־נאַנט און ווערט דער ערשטער יודישער אָפֿיציר אין דער קייזערליכער אַרמעע. אין דער צווישען־צייט מוז ער אין דער אַרמעע נאָך [...]

[...] אין דער שלאַכט ביי קוסטאַצאַ פֿיהרט אַלעקסאַנדער איים אַן'אַטאַקע, וועלכע די עסטרייכישע קריגס־געשיכטע בע־שרייבט אַלס הויפּט־פֿערדינסט און זיגר־רייכען אויסגאַנג פֿון דער היסטאָרישער שלאַכט. דער קייזער האָט דעמאָלט אויס [...]

(ענדע — זייט 6)

# די טראַגעדיע פֿון יודישען אַקסען-קעמפֿער אין שפּאַניען

## דער בלוטיגער פֿינאַל פֿון אַן אַקסען-קאַמף אין מאַדריד

די יודישע געשיכטע איז רייך מיט טשיקאַווע, קוריאָזע זאַכען. און אַט זע־נען די אַמעריקאַנער צייטונגען די טעג געווען פֿול מיט נאָך איינעם אַזאַ קוריאָז.

אין מאַדריד, די הויפּט־שטאָט פֿון שפּאַניען, איז געווען אַ גרויסער יום־טוב [...]

[...]

# לאָרד באַלפֿור
## זיין לעבען, שטרעבען און שאַפֿען

ל. ש. קרעדיטאָר

VII.

### באַלפֿור ווערט פּרעמיער.

אַן'אינטערעסאַנטע קאַריקאַטור האָט דעמאָלט אָפּגעדרוקט די הומאָריסטישע צייטונג „פּאַנטש": באַלפֿור שטעהט זיך [...]

[...] סען דערפֿאַר".

זעהר אינטערעסאַנט איז, וואָס איז דער צייט, ווען אַלע האָבען מקנא גע־ווען באַלפֿור'ן פֿאַר אַזאַ הויכען און חשוב'ן אַמט, ווי דער פֿיהרער פֿון „חוץ אַף קאָמאָנס", איז ער אַליין דערפֿון גע־ [...]

[...] פֿיל געווען צו פֿערדאַנקען באַלפֿור'ן, וועלכער איז געווען דער שאַרפֿסטער געג־נער, און ער האָט פֿיל בייגעטראָגען צו איהר פֿאַלען.

אין יאָהר 1895, דאָס הייסט קנאַפּע דריי יאָהר פֿון איהר עקזיסטענץ, איז די [...]

[...]

(ראָס ווייטערע קומט)

# די פֿראַגע פֿון יודישע חתונה-דינים
## אויף דער זיצונג פֿון דער פֿעלקער-בונד-קאָמיסיע ביים פּרויען-שוץ

גענף (יטא) דאָ האָט זיך געעפֿענט די סעסיע פֿון „קאָמיטעט פֿאַר פּרויען און קינדער־האַנדעל". אין די בעראַטונ־גען בעטייליגט זיך אויך דער פֿאָרשטע־הער פֿון דער „יודישער געזעלשאַפֿט פֿאַר שוץ פֿון מיידלעך און פֿרויען", ה' [...]

[...] די בעזונדערע געפֿאַהרען, וועלכע ווען פֿערבונדען מיט די יודישע חתונה דינים פֿאַר די יודישע מיידלעך, וועלכע פֿאַלען צוליב דעם זעהר לייכט אַריין אין די הענד פֿון פֿרויען־הענדלער. [...] ה' כהן האָט געגעבען דער קאָמיסיע געוויסע אינפֿאָרמאַציעס וועגען דער פֿראַגע פֿון די יודישע חתונה־די־נים. ער בעטאָנט, אַז די צאָהל פֿון די מיסברויכען איז באמת גאָר אַזוי גרויס, ווי מען נעמט אָן און אַז די יודען זע־נען געווען די ערשטע אַליין אויפֿמערק־זאַם צו מאַכען אויף די געפֿאַהרען און צו [...]

[...] וועגען אויף אַזאַ אופֿן פֿערפֿיהרט. ה' כהן האַלט, אַז דער בעסטער אויסוועג איז, אַז די לענדער זאָלען איינפֿיהרען ביי זיך אַ רעליגיעזע און ציווילע חתונה צו גלייכער צייט. ער מאַכט אויפֿמערק־זאַם די קאָמיסיע [...]

[...] ראַטונגען אפילו פֿון די אָרטאָדאָקסישע רבנים, וועלכע זוכען אַ תרופֿה צו דער לאַגע. דער פּוילישער רעגירונגס־דעלע־גאַט ד"ר כאָרזקאַ האָט זיך אין זיין רעדע אויך באַריכות אָנגעשטעלט אויף דער פֿראַגע וועגען די יודישע חתונות. [...]

# וועגען בעפֿרייען עלטערן פֿון אַמע־ריקאַנער בירגער פֿון אימיגראַציע-קוואָטע

וואַשינגטאָן, (יט"א) קאָנגרעסמאַן דיקשטיין האָט אַריינגע־טראָגען אין רעפּרעזענטאַנטען־הויז [...]

